ס״ה נומ׳ 4, 1973

ארן ראסקין

# דער העברעישער וואַריאַנט פון „טעוויע דעם מילכיקן״

אין דער רײַכער ליטעראַטור וועגן שאָלעם־אַלייכעמען ווערט קימאַט אין ערגעץ ניט דערמאָנט דער פאַקט, אַז „טעוויע דער מילכי־קער״ איז אין אַ בוך־פאָרם צוערשט דערשינען אין העברעיש. דאָס בוך איז אַרויס אין 1911 יאָר אַלס ערשטער באַנד פון אַ ברייט פּלאַנירטער אויסגאַבע פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אין העברעיש און איז שוין לאַנג געוואָרן אַ יעקאָר־האַמציאעס[1].

דער געדאַנק וועגן „איבערטראָגן״ זײַן „גאַנצן ליטעראַרישן באַגאַזש פון „זשאַרגאָן״ אין העברעיש״ איז, ווײַזט אויס, אויפגעקומען בײַ שאָלעם־אַלייכעמען אין 1908 אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ערנסטער פאַרשאַרפונג פון זײַן לונגען־קראַנקייט. דער געפערלעכער געזונט־צושטאַנד האָט געשטויסן דעם שרײַבער זיך ערנסט צו פאַרטראַכטן וועגן ברענגען אין אָרדענונג זײַן ליטעראַרישע באַלע־באַטישקייט, זיך צוטײַלן מיט אייניקע שפּעטערישע פּלענער, קורץ — זאָרגזאַם זיך פאַרנעמען מיט דער „תּרושע״ פאַר די קומענדיקע דוירעס.

„געווען מיט איין פוס אויף יענער וועלט, — האָט געשריבן שאָלעם־אַלייכעם אין איינעם אַ בריוו צו ... אַקסאָרן אין 1908, — זיך אַרויסגעריסן פונעם מאַלעכהאַמאָוועס, אָפּגעבעטן זיך אויף אַ קורצער ... ביז איך וועל אָנשרײַבן אַלצדינג, וואָס איך ... באַארבעט, עפּעס אַ פּאָר הונדערט סוזשעט־... וואָס באָמבלען זיך אין מויעך, צורעכט מאַכן ... פריערדיקע, איבערטראָגן מײַן גאַנצן ליטע־ראַרישן באַגאַזש פון „זשאַרגאָן״ אין העברעיש ... דער הייפּעך פון דעם, וואָס אונדזער גוטער, ... טאַלאַנטפולער אַש האָט אונדז געלאָזט ... אין טשערנאָוויץ). און נאָכדעם, אַז איך וועל ... ווערן מיט דעם אַלעמען, איז מעכעטײסע, ... וושע מויכל, פּאַני מאַלעכהאַמאָוועס״[2].

... ס׳איז צו זען פון דעם געבראַכטן בריוו, האָט ... קיין קליינע ראָל אין שאָלעם־אַלייכעמס פאַר־... איבערצוזעצן זײַנע אַלע ווערק אין העב־... געשפּילט זײַן רעאַקציע אויף אייניקע עקס־טרעם־יידישיסטישע אַרויסטרעטונגען אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. וועגן דעם זאָגט איידעס אויך די האַקדאָמע צום בוך, אין וועלכער ס׳איז ניט שווער אײַנצוזען אַ באַשטימטע פּאָלעמיק מיט די פאַנאַטיקער פון ביידע צדאָדים אינעם יאָר־לאַנגן שפּראַכן־שטרײַט, וועלכער האָט געפונען זײַן הויכפּונקט אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. אויף וויפל די דאָזיקע פאָרעדע איז ניט באַקאַנט דעם הײַנטצײַטיקן לייענער, וועלן מיר זיך דערלויבן זי אַ ביסל ברייטער צו ציטירן אין אונדזער איבערזעצונג, ביפּראַט, אַז כּוץ די שטעלן, וועלכע האָבן אַ דירעקטע שײַכעס צום עצעם איניען, וועלכן מיר באַהאַנדלען, פאַרמאָגט די פאָרעדע אַ ריי אַרויסזאָגונגען, וועלכע באַרײַכערן די פאָרשטעלונג וועגן דעם גרויסן פאָלקס־שרײַבער.

„הײַנט קענסטו מיר אָפּגעבן מאַזלטאָוו, פרײַנט מײַנער, לייענער, — שרײַבט שאָלעם־אַלייכעם, — עס איז דאָ אַ צווילינג אין מײַן טראַכט. דער דאָזיקער צווילינג, מיט וועלכן איך בין פאַרגאַנגען אין טראָגן, זײַנען די צוויי לעשוינעס אונדזערע, העב־רעיש און יידיש, וואָס לעגאַבע מײַנע קאָלעגן, די שרײַבער, איז מעקוייעם געוואָרן דער פּאָסעק: ויתרוצצו הבנים, דאָס מיינט: אין זייער נאָמען און לעשעם זייער קיִעם אַמפּערן זיך די דאָזיקע, בוצקען זיך איינער מיטן צווייטן, האַלטן מילכאָמע איינער מיטן אַנדערן, פאַרגיסן טינט, ווי וואַסער, פּאַטערן אַוועק אַ וועלט מיט פּאַפּיר און האַלטן אין איין פרעגן איינע און די זעלבע שאַלע: וועלכע פון די צוויי שפּראַכן איז מער ווירדיק אָנגערופן צו ווערן „די נאַציאָנאַלע שפּראַך״[3].

דער דאָזיקער פאַנאַטישער און אין טאָך פרוכט־לאָזער אַמפּערײַ שטעלט שאָלעם־אַלייכעם קעגן זײַן אייגענע אָביעקטיווע שטעלונג, וועלכע איז אויסן אויסשליסלעך די אינטערעסן פון דער ליטעראַטור, פון איר ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג:

„וואָס אָנבאַלאַנגט מיך אַליין, — שרײַבט שאָלעם־אַלייכעם, — איז דער דאָזיקער פּאָסעק פון „ויתרוצ־צו״ אויף מיר ניט מעקוייעם געוואָרן — איך וויל דער־

[1] כתבי שלום עליכם. כרך ראשון: טוביה החולב, הוצאת השחר, ווארשא, תרע״א.

[2] „שאָלעם־אַלייכעם־בוך״, ניו־יאָרק, 1958, ז. 223.

[3] כתבי שלום עליכם. כרך ראשון. טוביה החולב, הוצאת השחר, ווארשא, תרע״א, ז. 2.

differentiated reader

ליכעם בא דער ברייט פארשפרייטער אין דער יידישער און העברעישער ליטעראטור טראדיציע צו אויסלייגן דעם קורצן אינהאלט פון יעדן קאפיטל (אין יידישן טעקסט האט שאלעם־אליי־כעם דאס געטאן בלויז אין ערשטן קאפיטל „דאס גרויסע געווינס"). עס זיינען געענדערט אלע קעפלעך פון די קאפיטלען. סיי אינעם כאראקטער פון די קעפלעך, סיי אין דער מאניר פון אויסלייגן דעם אינהאלט פון יעדן קאפיטל לאזט זיך שפירן א באשטימטע פאראדיסטישע טענדענץ.

אט ווי עס זעט אויס די טיטולירונג פון די קאפיטלען אין העברעישן ווארׅיאנט אין פארגלייך מיטן יידישן אריגינאל.

דאס ערשטע קאפיטל „דאס גרויסע געווינס" אין יידישן טעקסט:

„א וואונדערלעכע מייסע, וויאזוי טעוויע דער מילכיקער, א ייד אן ארעמאן, א מעטופל מיט קינדער, איז פלוצעם מיטאמאל באגליקט געווארן דורך א מעשונע־ווילדן פאל, וואס ס'איז קעדיי, אז מע זאל עס באשרייבן אין א ביכל. דערציילט פון טעוויען אליין און איבערגעגעבן ווארט בא ווארט".

אין העברעישן טעקסט (אין א יידישער איבערזעצונג) — „מייסע־ניסים":

„א וואונדערלעכע מייסע, וואס עס האט מיר דערציילט טעוויע דער מילכיקער, א ייד אן ארעמאן, א מעטופל מיט טעכטער, וויאזוי עס האט אים צוגעשפילט די שאָ און דורך א מעשונע־ווילדן פאל איז ער פלוצעם ניסאלע געווארן אלץ העכער און העכער".

דאס צווייטע קאפיטל אין יידישן טעקסט: „א בוידעם".

אין העברעישן טעקסט — „עורבא פרח"[10]:

„א מייסע, וואס ס'האט מיר דערציילט טעוויע דער מילכיקער, וויאזוי ער האט זיך געטראפן מיט מענאכעם־מענדלען דעם באל־כאלוימעס און זיך געלאזט פון אים איינריידן ארייננצולייגן זיין געלט אין א גרויס געשעפט".

דאס דריטע קאפיטל אין יידישן טעקסט: „היינטיקע קינדער".

אין העברעישן טעקסט — „טעוויעס טאכטער, וואס האט כאסענע געהאט פאר אן אמהארעץ":

„א מייסע, וואס ס'האט מיר דערציילט טעוויע דער מילכיקער, וויאזוי זיין עלטערע טאכטער האט אפגעווארפן דעם שידעך מיט א רייכן קאצעוו און זיך אויסגעוויילט אן ארעמען שניידער, וועמעס ווייב זי איז געווארן".

איבערן מאנגל אין ארט ברענגען מיר ניט די קעפלעך (אין ביידע ווארׅיאנטן) פון די איבעריקע קאפיטלען.

א ריי ענדערונגען אין דער איבערזעצונג פונעם טעקסט זיינען פארבונדן מיט דעם עצעם איבערגיין פון יידיש צו העברעיש. מע האט געהאט צו טאן מיט אן אנדער לייענער־אודיטאריע, וועלכע האט באַדערעך־קלאל געהערט צו די מיטעלע און העכערע סאציאלע שיכטן, מערסטנטייל צו דער אינטעליגענץ, אין אונטערשייד צו דער לייענער־אודיטאריע פון שאלעם־אליי׳כעמס ווערק אין יידיש, וועלכע איז באשטאנען פון די ברייטע פאלקסמאסן, מעגלעך, אז ס'איז אויך גענומען געווארן אין באטראכט א טעריטאריעל ברייטערע אודיטאריע, אין דער צייט, ווען די ווערק אין יידיש זיינען געווען אויסגערעכנט דעריקער אף דעם טכום־האמוישעוו אין צארישן רוסלאנד. פונדאנען שטאמט די שטרעבונג אויסצומיידן אין העברעישן טעקסט ענג לאקאלע באצייכענונגען, אנדייטונגען אף איינצלנע קאנקרעטע פאקטן און דערשיינונגען, לאקאלע געאגראפישע נעמען, נעמען פון באזונדערע פערזאנען אאוו. אזוי, צום ביישפיל, קומט אומעטום אין העברעישן טעקסט אנשטאט דעם נאמען בראדסקי (וועלכער איז געווען באקאנט דעם יידישן לייענער אין רוסלאנד) דער נאמען ראטשילד (וועלכער איז באקאנט אויך דעם לייענער מיכוץ רוסלאנד).

more exalted diction

דאס טעוויע־געשטאלט איז אין העברעישן ווארׅיאנט א ביסל „דערהויבן" אין פארגלייך מיטן יידישן. די דאזיקע „דערהויבונג" האט זיך צו אלעם ערשטן געלאזט מערקן אין דער באריייכערונג פונעם פסוקים־„באגאזש", מיט וועלכן טעוויע אפערירט. די צאל פסוקים איז מינדסטנס פארדאפלט געווארן. דערביי איז א ריי מער פאפולערע פסוקים פונעם יידישן טעקסט פארביטן געווארן מיט ווייניקער פאפולערע אין העברעישן טעקסט. נאך מער, טעוויע איז זיך דא נויהעג געניי אנצורופן די קוועלן, פונוואנען דער אדער יענער פאסעק איז אנטליען, און אויב אפילע די אנגערופענע מעקוירעס פאלן ניט אלעמאל צונויף מיט די ווירקלעכע, באקומט זיך דאך דער איינדרוק, אז טעוויע איז מער אדער ווייניקער באהאוונט אין די „שווארצע פינטעלעך". אלנפאלס, ער איז מער באקי אין זיי אין פארגלייך מיט טעוויען פונעם יידישן ווארׅיאנט.

מיר וועלן ברענגען בלויז עטלעכע כאראקטעריסטישע ביישפילן, וועלכע באשטעטיקן אונדזער געדאנק:[11]

אין יידישן טעקסט:

„ווי די געמארע זאגט: במקום שאין איש — איז א הערינג פיש... האט קיין פאריבל ניט, זאג איך, עס איז ניטא קיין גלייכערס פון א קרומען לייטער און קיין קרומערס פון א גלייכווארט, און ביפראט, זאג איך, אז מע מאכט שהכל נהיה בדברו אפן ניכטערן הארצן..."

ז. 20

אין העברעישן טעקסט:

„ווי עס האבן געזאגט אונדזערע כאכאמים, זיכרונאם ליווראכא: במקום שאין אנשים — שם שרצים ורמשים... קוקט ניט אף מיר, וואס איך רייד צו אייך מיט רעטענישן, מיט א מאשל, א מעליצע און דיווריי כאכאמים, האט אף מיר קיין

---

[10] בוכשטעבלעך: „א קרא איז געפלויגן" — ענלעך צו „א בוידעם". י.־ד. בערקאוויטש האט אין דער שפעטערדיקער אויסגאבע דאס קעפל געענדערט אף „יום אתמול כי עבר", וואס באטייט אין יידיש א נעכטיקער טאג".

[11] די אויסצוגן פון „טעוויע דער מילכיקער" אין יידיש גיבן מיר לויט דער אויסגאבע: שאלעם־אליי־כעם. טעוויע דער מילכיקער. מאסקווע, 1947. די העברעישע טעקסטן ווערן געגעבן אין א יידישער איבערזעצונג, דער קורסיוו איז אומעטום מיינער. — א. ר.

...אכמע־יעסורים, סיי פאר א טראגעדיע, וואס אין ... ער ווי די גרוב. און כאטש דאס זיינען טוירע כאכמע, נעשאמע־ליידן פון קליינע מענטשעלעך, יענע קליינע מענטשעלעך, וואס מע רופט זיי אונדזערע מעקוימעס „קאסריליקעס", ווארן איך ..., מיין טייערער פריינט־לייענער: אפשיי פאר ... פאר די דאזיקע קליינע מענטשעלעך, דערעכע־... פאר די דאזיקע קאסריליקעס... די דאזיקע ...טשעלעך, וואס זיינען א שפאן די הייך, און ...רע האסאגעס זיינען ניט מער די גרייס ווי א ...אים, שטעלן מיט זיך פאר א ברייטע וועלט, ... פיל וווּנדער איז אין דער דאזיקער וועלט, ... געהיימע און פארבארגענע זאכן זיינען דא אין ...ריא, און מיר זיינען מעכויעוו אריינדרינגען אין ... אויסקלארן זיי, זיך פאנאנדערקלייבן אין זיי. ... א טוירע פאר אונדז, און מיר דארפן זי ...עלטנען"[12].

... דאזיקע כאראקטעריסטיק פון טעוויען און פון ...קאסריליקעס איז אינטערעסאנט ניט נאר דער־... וואס אין איר געפינען מיר א בוילעטן אויס־... פון שאלעם־אלייכעמס דעמאקראטיזם, פון זיין ... אפשיי פאר דעם אמכא־מענטש, וועלכער איז ...ענדיק געווען דער ארגאנישער באשטאנדטייל ... דער הומאניסטישער נאטור פון אונדזער גרויסן ...קס־שרייבער, נאר, ווי געזאגט, אויך דערמיט, ... מיט איר הילף גרייט אונדז שאלעם־אלייכעם ... אין א געוויסער מאס צו דער אופאסונג פון ...ענדערונגען, וועלכע ווערן אריינגעבראכט אין ... טעוויע־געשטאלט אינעם העברעישן וואריאנט ... ...עם ווערק.

... צו ... טעוויען פונעם העברעישן וואריאנט ווערט ...מארקער, ווי אינעם יידישן, אונטערגעשטראכן ... טעזיס, אז „די ברייטסטע מאסן פון אונדזער ... זיינען פול מיט טוירע און כאכמע" און זייער ...ץ איז אפן... פאר נעשאמע־יעסורים, פאר א ...געדיע, וואס איז טיפער ווי די גרוב". דאס ...יע־געשטאלט איז דא ניט נאר אינטעלעקטועל ... גייסטיק רייכער אין פארגלייך מיטן יידישן ...יאנט, עס איז דראמאטישער, אפילו טראגישער, ...סאפיש מער פארטיפערט. טעוויע פארגלייכט ... ניט אומזיסט מיט איעוון אדער קויהעלעס. זיין ...ט" קעגן גאט און זיין סאציאלער און נאציאנא־... פראטעסט קלינגט ערטערווייז שטארקער אינעם ...רעישן וואריאנט, איידער אין אריגינאל. זיין ...יזם איז דא דייטלעכער, ער דערציילט אויס־...עכער וועגן זיינע ליידן און ווייטעקן, האט מער ... צו גאט און צו דער וועלט. זעלטענער, ...ער אין יידישן וואריאנט, קומט ער אפ מיט ...

... זיינען אייניקע כאראקטעריסטישע ביישפילן.

## פונעם אריינפיר צו דעם קאפיטל „הײַנטיקע קינדער"

דער יידישער טעקסט:

...עגן דעם, וואס איר זאגט: הײַנטיקע קינדער. ...ס גדלתי ורוממתי — גיי האב זיי, ווער פאר־...צט, זיי זיך מאפקער פונזייערטוועגן, הארעווע

טאג ווי נאכט, וואס איז? מע מיינט, טאמער אזוי און עפשער אזוי, איטלעכער נאך זיין האסאגע און נאך זיין פארמעגן. צו בראדסקין, געוויינלעך, וועל איך זיך ניט אנשלאגן, נאר איך זאל מיך שוין איינגאנצן ארופלאזן — בין איך אויך גיט מעכויעוו, ווארעם אליין בין איך אויך ניט קיין אבי ווער כלעבן..."

ז. 47

דער העברעישער טעקסט:

„דער ריבוינעשעלוילעם האט מיט מיר איינגע־קנעלט איינעם א פאסעק, וואס ער גיט זיך מיר שווער און איך קען אלץ ניט קומען צו זיין עמע־סער קאוואנע. אין דער טוירע שטייט געשריבן: בנים גדלתי ורוממתי — דאס מיינט: דער מענטש איז מעכויעוו צו דערציען זיינע זין און טעכטער, און אויב אזוי, פרעגט זיך א קאשע: איז דאס דען די מאס פון יוישער? טויג דען אזא סיידער־האווילאס? גיט נאר א טראכט: קאל־יאמיי צי איך די ליאמקע, ווער פארפייניקט אונטער דעם שווערן יאך, זיי מיך מאפקער אף דעם שטיקל ברויט, ווער פארשווארצט — און אלץ צוליב וועמען? צוליב מיינע טעכטער, וואס וועגן זיי טראכט איך קעסיידער, און מיין הארץ איז פול מיט זארגן פון יענעם טאג אן, ווען זיי זיינען ארויס פון דער מוטערס טראכט, ביז דעם היינטיקן טאג, ווי בעסער איינצוריכטן זייער לעבן, וויאזוי בעסער צו באפרידיקן אלע זייערע באדערפענישן, ווי מיר זאגן באם מוסעף אין די יאמטעוו־טעג: איש כמתנת ידו — איז דער טייטש: יעדער לויט זיין שטאנד און זיין פארנאסע; ראָ־טשילד, וואס פארמאגט גאלד־גרובן, און זיין האנט דערלאנגט העט־ווייט, קען זיך דערלויבן פארהייבן די אויגן צום הימל, פארייסן די נאז. אבער איך, טעוויע, א יעלוד־אישע, וואס איך בין א קאפצן אין זיבן פאלעס בימכילע, פאר מיר בלייבט נאר אנצוקוקן דאס, וואס עס לאזט זיך זען דא אף דער ערד פון אונטן. כאטש, ווי איר ווייסט, פאני שא־לעם־אלייכעם, בין איך אליין אויך ניט קיין אבי ווער כלעבן..."

ז. 47

## פונעם אריינפיר צום קאפיטל „האָדל"

דער יידישער טעקסט:

„עד־עד־עד! ווען איר זאלט ויסן, מיט וואס פארא צארעס, מיט וואס פארא ווייטעקן אט דער טעוויע טראגט זיך ארום! וויאזוי שטייט דארט בא אונדז געשריבן: אדם יסודו מעפר וסופו לעפר — א מענטש איז שוואכער פון א פליג און שטארקער פון אייזן".

ז. 70

דער העברעישער טעקסט:

„לוי־אלייכעם, אזא ווייטעק, ווי מיינער! ווען איר ווייסט נאר, וואס פאר א צארעס און יעסורים איז אויסגעקומען איבערצוטראגן טעוויען, וואס פאר א טיפע פארביטערונג האט לעצטנס זיך אויסגעבויט א נעסט אין זיין הארצן, וואלט איר געזאגט, אז ס'איז נאך ניטא אין דער וועלט אזא שטארקער מאן

---

[12] ...כתבי שלום עליכם. כרך ראשון. טוביה ... הוצאת השחר, ווארשא, תרע״א, ז. 3.

...זמען צו דער ארבעט און איבערקערן די וועלט ...ן קאַפּ אראָפּ און מיט די פיס ארויף".

ז. 92

אין העברעיִשן טעקסט:

„...ער דאָזיקער מענטש, זאָגט זי, זאָרגט זיך וועגן ...ן קלאל ניט. דאָס גאנצע טועכץ זײַנס, זאָגט זי, ...ז געווענדט דער וועלטס טויווע, טויוועס־האקלאל. ...ס אײנציקע, וואָס ער וויל, זאָגט זי, איז נאָר צו ...ערונגען אויסלייזונג פאר די אָרעמע לײַט, די אר־ ...בעטער, די באלמעלאָכעס, פאר די אלע, זאָגט זי, ...ס לעבן פון זייער האָרעוואניע".

ז. 88

„...וי טרייסט זיך מיט דער האָפענונג, זאָגט זי, ...ז ס׳וועלן נאָך אָנקומען די יאָמטעוודיקע טעג פאר ...די און פאר דער גאנצער וועלט. די אומרויִקע צײַט ...וועט פאַריבערגיין און ס׳וועט אופגיין די זון אויך ...אר אונדז, און ס׳וועט ליכטיק ווערן אין אלע ...ענזוערע ווינקלען, און דעמלט, זאָגט זי, וועט מען ...ט, דעם געליבטן מאן אירן, אומקערן פון פארשי־ ...קונג. און נאָך א סאך, אזעלכע ווי ער, וועלן אויס־ ...געלייזט ווערן פון דער קלעם און זיי וועלן זיך ...אומקערן אהער צו פארענדיקן די ארבעט, וועלכע ...די האָבן אָנגעהויבן — איבערצוקערן די וועלט מיטן ...קאָפּ אראָפּ און מעשאנע צו זײַן די סידריי מײַסע־ ...בריישיס..."

ז. 94

...אנשוילעכער איז אינעם העבעריִשן וואריִאנט גע־ ...שילדערט דער טראגישער גורל פון די ייִדישע ...מאסן, די ייִדן־רעדיפעס און פאָגראָמען, וועלכע די ...צארישע רעגירונג האָט אינספּירירט אין די יאָרן ...פון דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע אלס מיטל ...אפצוווענדן די מאסן פון זייערע סאָציִאלע אינטע־ ...רעסן, פון רעוואָליוציִאָנערן קאמף. די פארבן זײַנען ...אן געדיכטער, די איראָניע שארפער, עס קומען צו ...זײַנע פאָליטישע ניואנסן, וועלכע דעקן אוף דעם ...פון דער צארישער פּאָליטיק אף צו זייען סינע ...צווישן די פעלקער.

אין ייִדישן טעקסט:

„...וויי, וויי, וויפל וואסערן זײַנען אָפּגעלאָפן! וויפל ...אנגסטן מירביידע און קאָל ייִסראָעל זײַנען אויס־ ...געשטאנען אין די עלטערע יאָרן! א קעשענעוו, א ...קאָנסטוטוציע מיט פּאָגראָמען, מיט צאָרעס, מיט ...גליק..."

ז. 109

„...איז מען זיך צונויפגעלאָפן צו אונדז קיין בוי־ ...בעריק פון אָדעס און ראָסטאָוו...

...ס׳איז שוין בא אונדז געוואָרן אזא מינהעג, אז עס ...קומט די צײַט, וואָס מע הייבט אָן ריידן פון פּאָגראָ־ ...מען, הייבן ייִדן אָן צו לויפן פון איין שטאָט אין ...דער אנדערער, ווי אין פּאָסעק שטייט: ויסעו ויחנו, ...ויחנו ויסעו — איז דער טײַטש: פאָר צו מיר, וועל ...איך פאָרן צו דיר..."

ז. 110

אין העברעיִשן טעקסט:

„וויי, וויי, וויפל טראָפּנס זײַנען ארײַנגעפאלן אין יאם ארײַן! וויפל וואסערן זײַנען אָפּגעלאָפן איבער אונדז, שטורמישע וואסערן! וויפל אנגסטן מיר ביי־דע און קאָל ייִסראָעל זײַנען אויסגעשטאנען אין די עלטערע יאָרן! וויפל ניסים זײַנען מיט אונדז געשען: דער נעס פון קעשענעוו, דער נעס פון דער קאָנסטי־טוציע, דער נעס פון פּאָגראָמען, האריגעס, שכיטעס און אנדערע ניסים־וועניפלאָעס לויערן אף אונדז טאָג־אײַן, טאָג־אויס".

ז. 111

„א מוירעדיקע צאָל פּלייטים פון די פּאָגראָמען זײַנען אין יענע צײַטן געקומען צו פאָרן קיין בוי־בעריק, אין גרויסע מאסן זײַנען זיי זיך צונויפגע־לאָפן צו אונדז פון אלע מעקוימעס, ווו אונדזערע אכיינו בניי־ייִסראָעל לעבן: פון אָדעס און פון ראָסטאָוו...

אזא איז שוין דער מינהעג בא אונדז אין דער מעדינע, באָרעכהאשעם, אין אזוינע ביטערע און גרויזאמע טעג: וויבאלד עס איז געקומען די צײַט פון פּאָגראָמען, און דאָס קאָל פונעם צוירער האָט זיך געלאָזט הערן אין אונדזער לאנד[13], אזוי גלײַך לאָזן זיך ייִדן לויפן. געײַלט, דערשראָקן, פון שטאָט צו שטאָט, פון אָרט צו אָרט, צו מעקײַעם זײַן דעם פּאָסעק: שמור לי ואשמור לך — איז דער טײַטש: דו — אין פײַער, און איך — אין פלאם..."

ז. 112

שארפער קלינגט אויך טעוויעס טײַנע צו גאָט אין באצוג צו די נאציִאָנאלע פאָרורטיילן — דער פעל־קער־סינע, דער רעליגיִעזער אומטאָלעראנץ.

אין ייִדישן טעקסט:

„און אז גאָט האָט שוין יאָ באשאפן ייִדן און ניט־ייִדן, פארוואָס זשע זאָלן זיי זײַן אָפּגעטיילט איינס פון דאָס אנדערע, גלײַך ווי דער איז פון גאָט, און יענער איז ניט פון גאָט?"

ז. 107

אין העברעיִשן טעקסט:

„אויב אזוי האָט אונדז גאָט באשאפן — איז פאר־וואָס האָט ער אָפּגעשיידט די ברידער צווישן זיך און האָט אונדז צעטיילט אף צוויי מישפּאָכעס און פארפלאנצט סינע צווישן אונדז, אזוי אז מיר האָבן אין הארצן פײַנט איינער דעם צווייטן און פארומערן דאָס לעבן איינער דעם אנדערן פאר גאָרנישט..."

ז. 107

ווי מיר זעען, שטעלט מיט זיך פאָר די העברעיִשע איבערזעצונג פון „טעוויע דער מילכיקער" אזא וואַ־ריִאנט פון שאָלעם־אליינעמס באוווסט ווערק, אין וועלכן ס׳זײַנען צוגעקומען נײַע שטריכן און דעטאלן אין דער שילדערונג פון די לעבנס־געשעענישן און

[13] תור הפרעות הגיע וקול הצורר נשמע בארצי־נו — דאָ ווערט איראָניש טראנספאָרמירט א באוווסטע שטעל פון „שיר־השירים": תור הזמיר הגיע וקול הדרור נשמע בארצינו" — די צײַט פון דעם נאכטי־גאל איז אָנגעקומען, און דאָס קאָל פון דער שוואלב לאָזט זיך הערן אין אונדזער לאנד.

דעריקער אין דער קינסטלערישער אויספֿורעמונג פֿונעם געשטאַלט פֿון דעם הויפּט־העלד.

עמעס, ס׳איז זיך ניט באַגאַנגען אָן געוויסע, ווי מע זאָגט, „פּראָדוציר־הויצאָעס", וועלכע האָבן זיך באַזונדערס אָפּגערופֿן אָף דעם סטיל פֿונעם ווערק. אין דער איבערזעצונג פֿעלן ערטערווײַז יענע לאַקאָנישקייט און קאָנצענטרירטקייט פֿון געדאַנק און פֿון דער שפּראַך, וועלכע זײַנען אייגנטימלעך דעם ייִדישן אָריגינאַל און וועלכע גיבן אים צו א באַזונדער רייץ. דער טעקסט איז זיך ערטערווײַז צעוואַקסן אָפּן כּעזשבן פֿון באַנוצן פּאַרטיקע ביבל־פּראַזעס מיט אַלע צו זיי אָנגעהעריקע פּאַראַלעליזמען, וועלכע זײַנען מאַכמעס זייער אָפּטן געברויך שוין אין א געוויסער מאָס געוואָרן שטאַמפּן. ווו־ניט־ווו האָט זיך באַוויזן א געוויסער אָנהויך פֿון דעם, וואָס מע רופֿט „מעליצע".

מיר ברענגען אייניקע כאַראַקטעריסטישע בײַשפּילן.

דער ייִדישער טעקסט:

„א מענטש, זאָג איך, לעבט איין מאָל אף דער וועלט, ניט קיין 13 מאָל".

ז. 24

„איך קאָן מיר קיין אָרט ניט געפֿינען".

ז. 98

דער העברעיִשער טעקסט:

„אדם אני אומר, ימיו מעטים ורעים, משול כחרס הנשבר, כצל עובר וכחלום יעוף ולא בכל יום מתרחש נס".

ז. 21

„ואין מנוס לי ואין מפלט לעצמי, לאן אברח ואנה מפני אסתר מעוצר רעה ויגון?"[14]

ז. 100

טעוויע פֿונעם העברעיִשן וואַריאַנט איז באַריידעוודיקער, זײַן נוסעך האָט עפּעס פֿאַרלאָרן פֿון דער פֿאָלקסטימלעכער נאַטירלעכקייט. ווו־ניט־ווו איז אויך געמינערט דער הומאָריסטישער זין. צום בײַשפּיל, עס גייט אָפּט פֿאַרלאָרן דער קאָמישער עפֿעקט, וואָס ווערט דערגרייכט אַדאַנק דער פֿאַרקריפּלטער אויסטײַטשונג פֿון די פּסוקים אינעם ייִדישן טעקסט. דאָ, אינעם העברעיִשן טעקסט, ווערן די פּסוקים מערסטנטייל אָדער ביכלאַל ניט אויסגעטײַטשט, אָדער דער פּיירעש קומט מיט דער הילף פֿון א פּאָסעק אין אַראַמייִש (טאַרגום־אונקעלעס).

[14] אין א ייִדישער איבערזעצונג וועט עס בערערך קלינגען אַזוי: „א מענטש, זאָג איך, זײַנע טעג זײַנען קנאַפּ און נעבעכדיק, ער איז געגליכן צו א צעבראָכן שערבל, ווי א שאָטן, וואָס פֿאַרשווינדט, ווי א כאָלעם, וואָס ווערט פֿאַרפֿלויגן, און ניט יעדן טאָג טרעפֿט א נעס".

„כ׳האָב ניט וווּהין זיך אַהינצוטאָן, ניטאָ קיין באַהעלטעניש פֿאַר מיר, וווּהין זאָל איך אַנטלויפֿן און ווו זאָל איך מיך באַהאַלטן פֿונעם איבערפֿלוס פֿון צאָרעס און טרויער".

דער ייִדישער טעקסט:

„קומט אויס נאָך דײַן מעשוגענעם סייכל, זאָג איך, אַז דאָס, וואָס מײַן בעהיימע מעלקט זיך און וואָס מײַן פֿערד פֿאָרט, איז אויך ניט אַלפּי־יוישער".

ז. 76

„גלײַכסט זיך, זאָג איך, צו די יעהופּעצער נגידים, ווי אין פּאָסעק שטייט: כּלם אהובים, כּלם ברורים".

ז. 74

„איך ווייס, זאָג איך, אַז איר זײַט שוואַך, איר זאָלט געווען, זאָג איך, לערנען אין כיידער, וואָלט איר, זאָג איך, אויך געוווּסט, מאַ דעקאָמרע רע־בעצן".

ז. 13

דער העברעיִשער טעקסט:

„קומט אויס, אַז מײַן בעהיימע, וואָס מעלקט זיך יעדן טאָג, און מײַן פֿערד, וואָס ציט דעם וואָגן, — אין זיי אויך דערלויבט אויסצושטעלן זיך פֿאַר דעם מעלעך מאַלכיי האַמלאָכים און שרײַען וועגן צעדעק און יוישער! עס איז דאָ, זאָג איך, א בעפּיירעשער פּאָסעק בא די נעוויִים: שאל בהמה ותורך סוסיך ויגיד לך..."

ז. 77

„גלײַכסט זיך, זאָג איך, צו די יעהופּעצער גווירישע זינדלעך, און ווילסט גיין אין זייערע וועגן ווי עס האָט געזאָגט דאָוויד האַמעלעך, אָלאָווהאַשאָלעם, קטן וגדול שם הוא — אין טאַרגעם־אונקעלעס באַטײַט עס: בתר רישא זנבא אזל[15].

ז. 75

„איך ווייס, זאָג איך, אַז צווישן טאַלמידיי־כאַכאָמים איז פֿאַר אײַך קיין אָרט ניטאָ, איר זאָלט געווען, זאָג איך, לערנען טוירע אַזוי ווי איך אין דער קינדהײַט, וואָלט איר אוואַדע ניט פֿאַרשעמט אײַער יוגנט. עס איז דאָ, זאָג איך, א בעפּיירעשע האַלאָכע אין דער באָבאַ־באַסראַ: לא נתנה תורה למגדלי סוסים איז לויט טאַרגום־אונקעלעס: אי־סיפאָ לאו ספראָ..."[16]

ז. 115

מיט איין וואָרט, טעוויע האָט אין העברעיִשן וואַריאַנט עטוואָס פֿאַרלאָרן פֿון זײַן הומאָריסטישן מעהוס און פֿאָלקסטימלעכער פּאַשטעס.

מיר האַלטן פֿאַר איבעריק אָפּצושטעלן זיך אף אייניקע אַנדערע, ווייניקער באַדײַטנדיקע שינויִם. דער פֿאַרגלײַך צווישן העברעיִשן און ייִדישן טעקסט, וועלכן מיר האָבן געמאַכט, באַווײַזט גענוג איבערצײַגעוודיק, אַז דער העברעיִשער טעקסט פֿון „טעוויע דעם מילכיקן" איז ניט בלויז אָן איבערזעצונג פֿונעם ייִדישן אָריגינאַל, נאָר אין א געוויסער מאָס א נײַשאַפֿונג, וועלכע פֿאַרמאָגט אירע שאַטירונגען און ניואַנסן.

[15] געמיינט: בתר רישא גופה אזל — נאָך דעם קאָפּ גייט דער גוף, דאָס הייסט, אַלץ גייט נאָך דעם קאָפּ.

[16] פֿונעם פּאָסעק: אי סיפאָ לאו ספראָ, אי ספרא לאו סיפאָ — איז ער א גיבער, איז ער קיין שרײַבער ניט, איז ער א שרײַבער, איז ער קיין גיבער ניט.